דר. כאַסיע קופּערמאַן

# טראַדיציע

„דריי אייגנשאַפטן זיינען נויטווענדיק פאַר שיינקייט:
פולקאָמקייט, האַרמאָניע און קלאָרזיכט".

סט. טאָמאָס אַקווינאָס.

דער אָפּט־דערמאָנטער, אָבער זעלטן־דעפינירטער טערמין, קולטור, איז ענג פאַרבונדן מיט דער מענטשלעכער געשיכטע, באַפעסטיקנדיק זיך אין פילאָסאָפיע, אין וויסנשאַפט און אין ליטעראַטור, אין זייערע אַנאַליטישע אַנטוויקלונגען און אין טענדענציעזע ריגנען פון דער קייט. דער קאָנצעפּט, וואָס מיר האָבן באַקומען וועגן קולטור, ברענגט אונדז צו גלויבן אין אַן עפּעס, וואָס מיר קאָנען דאָך ניט לייקענען צו זיין אַ פעלער, און דאָס איז פּראָגרעס. און ווי ווייט דידאַקטיק אילוזיע זאָל ניט האָבן דערגרייכט אין איר אַנטוויקלונג, העלפּט זי אונדז פונדאַמענטאַל זיך צוגרייטן אויף אַ פאַרזיכערטן קורס, אַזאַ וואָס קאָן ניט געלייקנט ווערן: אונדזער טראַדיציע. דאָס אילוזאָרישע פאָרויסגיין, וואָס מאַכט דורך אַן אַנטוויקלונג פאַר אונדזערע אויגן, אין שפּרייזן און אין שפּרונגען, שטעמפּלט דעם אינדיוויד מיט צוטרוי, אַז צייט ווערט ניט פאַרלאָרן; עס זאָל מיינען: מיר טרעטן ווייטער און ווייטער, פאָרויס און מער פאָרויס. נאָכמער, אַ סך האָבן זיך שוין אויסגעלערנט צו דערוואַרטן דעם איבערגאַנג פון צייט, וואָס זאָל רעפּרעזענטירן דאָס אָנקומען פון באַליבטע ווינזיעס. און טראַדיציע איז דידאַקטיק וויזיע פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס מיר האַלטן טייער, ווייל זי איז פאַרביי; מאָרגן ווי זי אַנטבלויזט אַן אָנדייט, וואָס דאַרף ניט זיין פאַרבונדן מיט דעם באַגריף פון אַנטוויקלונג און פּראָגרעס, נאָר שנעלער מיט דעם געפיל פון אינטימקייט. זי איז אַרויסגעוואַקסן מיט אונדז; מיר זיינען אַלעמאָל געווען אין איר מיט.

טראַדיציע איז דער רעטראָספּעקטיווער, דאָך ניט באַהנטער וועגווייזער; זי איז דער סך־הכל פון אונדזער געשיכטע, פון אונדזערע סביבה־איינפלוסן און פון אַ געמיינשאַפטלעך אַרט לעבן. זי איז ניט קיין שטודירטע געקינצלטקייט; מיר אַדאָפּטירן זיך צו איר ווי מען טוט אין באַצוג צום קלימאַט, דערקענענדיק זי אויף אַ פּראַקטישן, ווי אויך אויף אַן אַבסטראַקטן אופן, און דערביי ניט אורטיילנדיק זי.

נאָכמער, טראַדיציע שיינט צו זיין אַפילו מער דעפינירבאַר ווי קולטור, צוליב דעם, וואָס זי עקליפּסירט אַלץ, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט געדאַנק און מיט געפיל, און פאַרבונדן מיט דעם, וואָס מוז זיין מער ווי אַלץ, אייגנדיק. קולטור איז דאָס מיט וואָס טראַדיציע איז באַקליידט. זי איז אַ פּראָדוקט פון בלויזער געקינצלטקייט: עטאַבלירט, קאָדיפיצירט, איינגעאָרדנט און געאַכט פון די קינסטלער פון פילע צווייגן פון וויסן, קאָן קולטור אָבער זיך ניט אויסשפּרייטן איבער אַזאַ ברייטן שטח ווי עס קאָן טראַדיציע. די לעצטע איז דאָס, וואָס צייט אַליין האָט געזיפּט און פילטרירט, וואָס פאַנטאַזיע האָט פון דער איינער זייט איבערטריבן, אָדער וואָס פאַלשער שטאָלץ האָט פון דער צווייטער זייט אָפּגעמעקט. זי איז אַן אָפּזאַץ פון זיכרון־עלעמענטן, נאָר קיינמאָל ניט קרישטאָליק. עס בלייבט פאַר דעם קינסטלער אַריינצוטויכן אין איר רייך און דורך אַ פּראָצעס פון פונאַנדערגלידערונג און רעאָריענטירונג אַנטדעקן די פאַרבאָרגענע בריליאַנטן, גרייטנדיק זיי צו ווערן אויסגעשטעלט צום בעסטן.

אין שפּראַך איז עס דער אידיאָם, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר טראַדיציע, ווייל זי האָט דעם כוח צו רעפלעקטירן די אייגנשאַפטן פון דער צייט און דעם מאָדוס לעבן, וואָס זי רעפּרעזענטירט. ווען אין אַ ראַפינירטן צושטאַנד, אַזוי אַז זי קאָן ווערן געמינצט פאַר אייגענע און פאַרן דרויסן, ניט שטעלנדיק צופיל אין קאָן, נעמען מיר אַריין דעם אידיאָם אַלס אַן אויגנשיינלעך־קאָנסטרוקטיוון טייל פון קולטור. די שיינקייט פון שפּראַך שילדערט אַ קולטורעלן, געלאַסן־קאָנסטרוקטיוון אַספּעקט, נאָר איידער זי דערגרייכט דעם עלעמענט (דעם ראַפינירטן פלוס פון פראַזן און אידיאָמען), וואָס איז אַ פאַרפאַרטיקטער פּראָדוקט, מוז זי האָבן געוועזן דורכגעזאַפּט, און אַפילו איבערגעזאַפּט מיט רייכע, בילדפולע פאַבריצירונגען, מיט סימוואָלישע, אַפילו אויב אומגעלומפּערטע, פראַזן פון אַ טיף־אַנטפּלעקנדיקן קוואַל. דער קוואַל איז דאָך טראַדיציע. די צוויי פּראָצעסן קומען פאָר איינצייטיק; בשעת קולטור רייניקט דורך די עסענץ און גיט צו פּאָליר, געווינט די טראַדיציע דורך דערפאַרונג און דורך אומבאַוואוסטזיניקע עקספּערימענטן, די לעצטע רעזולטירנדיק פון אַן אָנשלאָג בייצוקומען סיטואַציעס. לויט זייער קוואַליטעט און קוואַנטיטעט זיינען זיי קיינמאָל ניט דיזעלבע. אַפילו ווען איינער שטעלט אַרויס אַ זיכערע סופּעריאָריטעט, באַווייזט זיך פּלוצים אויפן אויבערדעק אַ בלויז פון שטראַליקייט, אָדער פון פּראָפּעטישקייט, און ווערט גלייך מינדערווערטיק אין אונדזערע אויגן.



One speaks of "progress" in culture, but only of aggregates in tradition

טראַדיציע אַנטוויקלט זיך כראָנאָלאָגיש, בשעת קולטור פּראָגרעסירט קוואַליטאַטיוו. אין דעם צייט־פלוס ווערן געוויינלעכע דערפאַרונגען מער און מער אַפּיקסירט צו דער ערשטער. דאָס זיינען אַלץ נייע פאַראַמתונגען בנוגע דעם אַספּעקט פון לעבן און דעם מין מענטש; זיי זיינען רעסורספולע צוגעבונגען, נאָר זיי נאָטירן ניט נויטווענדיק אַ ווייטערדיקע ראַפינירונג. טראַדיציע גייט זיך אָן, יאָכט אָן אויף דער פּלייצע ווידער אַן אמת, ווידער אַ סוגעסטיע, אָדער פּאָרט זיך מיט ניט פאָרויסגעזעענע און אפשר דאָך באַליבטע דערשיינונגען. זיי ווערן אַגרעגירט, נאָר זיי האָבן קיין שייכות ניט מיט פּראָגרעס. עס איז אפשר קולטור, אַ סך מער ווי טראַדיציע, וואָס רעפּרעזענטירט די פיקציע פון פּראָגרעס. קולטור, דאַן, ווערט אָנגעלאָדן מיט אַ סכעמע פון דערפאַרונגען, אויסערלעך מאַניפעסטירט. טראַדיציע איז ניט פּלאַנמעסיק און איר סדר איז ניט אַ באַצוואונגענער.

עס איז שנעלער דער ראַפינירטער און פאַרפאַרטיקטער צושטאַנד פון טראַדיציע, געשטעמפּלט אַלס קולטור, וואָס אַנטוויקלט זיך אין פּראָגרעסיע. זיין עסטעטישע פילטרירונג לאָזט אים איבער מיט אַ געזונטן שטאַם; און פּונקט די געקינצלטקייט פון דעם פּראָצעס באַלעבט סעקווענטפולע רינגען פון דער קייט, צי זיי זיינען פול מיט אַלוזיע, אַבסאָלוט, אָדער פּאָטענציעל. די אָרדנונגפולקייט שיינט צו זיין די אַנטוויקלונג, כאָטש דאָס אָפּראַמען אַ געוויסע באַפרוכפּערונג קאָן אַפילו האָבן פאַרורזאַכט אַ בלויז, וואָס זאָל אפשר אָננעמען אַן אייגנשאַפט, פּונקט דאָס פאַרקערטע פון פּראָגרעס.

טראַדיציע איז דאָס וואָס דייט אָן אויף אמתן (געווינטשטע, צי אומגעווינטשטע), אויף וואולגאַרע רעאַליזמען און אויף דרייסטע אַנטפּלעקונגען, געבאָרן פון אַ שאַרפן, און נויטווענדיקערהייט, פון אַן אינטענסיוון איינזיכט; נויטווענדיקערהייט, דערפאַר, וואָס טראַדיציע שטעלט מיט זיך פאָר אַ קאָמפּאָנענט פון אַלע עקספּערימענטן פון אַלע צייטן. דערפאַר דאַרף עס דאָך ווערן באַטראַכט ווי קוואַלמאַטעריאַל, ווי משונהדיק עס זאָל איר אינהאַלט ניט זיין, ווי אומגראַציעז און ווי איבערפול זי זאָל ניט שיינען צו זיין. טראַדיציע איז פאָרמלאָז; איר איינציקע קאָנסטרוקטיווקייט באַשטייט פון איר סעקווענטפולקייט, צוליב דעם עלעמענט פון צייט. זי איז ניט, ווי קולטור, געצאַמט אין אַ פורעם און דורכגעזיפּט פון מענטש־באַשאַפענע גרענעצן פון פאָרם. און אפשר איז עס טאַקע דאָסדאָזיקע פעלן פון פאָרם, וואָס צווינגט די טראַדיציע צו זיין אַזוי רייך: אַ פלוס



Tradition – formless, component of all experimentation

Culture – bound by form

ניט אָפּגעשטעלט פון קיין באַריער און פון קיין מויער. אַזוינאָך ניט נאָר דערוואַרט אונדז די טראַדיציע, נאָר זי שטויסט אונדז פאָרויס, ווען נאָר מיר האָבן זיך דערלויבט אַרויסצוטויכן פון אירע טיפענישן, און אַזוי שנעל ווי מיר זיינען בכוח דורכצופירן דעם דאַנקבאַרן טאַט פון באַשאַפן אַן עפּעס, פון וועלכן זי איז דער קערן, אַזוי איז עס אויך, וואָס דער באַנוץ פון אַזעלכע מאַטעריאַלן וועלכע זיינען שוין געוואָרן אַ טייל פון קולטור, ווייזן אַרויס ווייניקער שטרעבן און ווייניקער שאַפערישן אָנשטרענג מצד דעם קינסטלער, וואָס עס זאָל זיין ספּער ניט זיין. ווייל דער סאָרט קינסטלער, וואָס איז געקומען צו נעמען עפּעס וואָס איז שוין אודאי פאַרטיק פאַר אים, און אין זיין גרייך, געפינט ניט אַז ער ראַנגלט זיך מיט מעגלעכן פאַרלוסט. אָט האָט ער זיך אַליין געפונען, נאָך איידער ער האָט אַפילו באַדאַרפט. ער האָט אויסגעקליבן דעם גלייכן און ענגן וועג, אַ וועג פון פּרעצעדענטן, פון פאַרזיכערונג — אָבער אַ בלויז פאַר שאַפערישער פּאָטענציעלקייט און פאַר פאָרשטעלונג־כוח. אַזוינאָך זיינען פאַראַן צוויי קאַטעגאָריעס קינסטלער: די וואָס פאָלגן־נאָך קולטור אין דעם אויסגעטראָטענעם דרך, צוריק־עטאַבלירנדיק דאָס וואָס איז שוין סיווי פיקסירט; און די, וואָס ברענגען אין געמיינשאַפט זייערע פאָרשטעלפייאיקייטן מיט טראַדיציאָנעלע פּראָבלעמען (פּראָבלעמען, וואָס זיי האָבן אינדיווידועל דערזען), און וואָס זיינען בכוח צו פּרעזענטירן ווי פון זייער אייגענעם נייעם רייך אַרויס, און דאָך ווי אַ טייל פון אַן אַלגעמיינער סכעמע פון אוניווערסאַלע מאָסן. די ערשטע קינסטלער זיינען געוואָרן אַ טייל פון דעם, וואָס איז פאַרזיכערט מיט פּראָגרעס (מאָדנע ווי אַזאַ מין פּראָגרעס מוז אַלעמאָל סטאַגנירן) און האָבן דעריבער ניט קיין אורזאַך צו זיין אומאַנטשלאָסן; זיי דאַרפן אויך ניט זיין באַשאָנקען מיט אַן איבערפלוס פון אָנשלאָג — אַ נערוועזן אָנשטרענג, אַ משונהדיקן און ווילדן פאָרשטעלונג־כוח, וואָס זאָל זיין רוי, סאַפּענדיק און אומפּאָלירט; עס איז גאָרניטאָ אין זייער באַציאונג וואָס זאָל מעגן זיי אַרויסווייזן פאַר אומגעלומפּערט. דאָס וואָס מען שטעמפּלט אָפּט אַלס די טראַדיציאָנעלע דירעקטירונג איז ניט דאָס; דאָס איז דאָס קולטורעלע.

די מער געפערלעכע אַטאַקע קומט פאָר ווען מען דרינגט אין דעם העסלעכן און אומגעפורמטן קוואַל, טראַדיציע, באַצירנדיק זי מיט דרויסנדיקע קליידער און מיט אַ ראַם, האָבנדיק כסדר אין אַכט זיך צו גרויסן מיט איר; אפשר דאַן פּאָלירט מען זי אויך (אָן נויטווענד צו פאַרבאָרגן אירע אמתן, ווי דרייסט, ווי וואולגאַר, אָדער ווי שאַרף



דאָס זאָל זיך ניט אַרויסווייזן צו זיין). צו געבן איר אַ פאָרם, וואָס איז פּאַסיק, שטאָלץ, סטאַביל, געלאַסן, דאָך פול מיט אָנדייטן, אָט דאָס איז דער נאָבעלער און נאָטירבאַרער טאַט. ברענג אַרויס דעם מאָנסטער, שטעל אים פאָר, שענק אים אַ קול און אַ קערפּער, און זאָל ער אַנטפּלעקן, דאָס וואָס ס'איז זיין מיסיע דורכצופירן.

עס בלייבט אַ פאַרגעניגן צו באַטראַכטן, אַז דער שאַפערישער קינסטלער פאַרמאָגט אַלס זיין פליכט צו אַנטדעקן אַ געפינס, אָנצושלאָגן זיך אָן דעם וואָרצל דורך די סאַמע טיפן פון זיין טראַדיציע; אַז דער אימפּעט פון דעם געוואַונטשטן, אָבער דאָך ניט דערוואַרטן „געפינס" וועט פון זיך אַליין אַרויסברענגען אַן אייגענע פאָרם: אַ גליקלעכן, ספּאָנטאַנעם צונויפהאַפט פון אינהאַלט און פאָרם, וואָס קומט פאָר אין דער שטודירטער לייזונג פון דער פּראָבלעם, וואָס ווערט פּרעזענטירט. דער מאָדום פון דערזען דאָס אָנקומען, דער אופן פון האַפטן עס מיט שפּעטערע, ווי אויך מיט פאָרויס־פיקסירטע אינטערפּרעטאַציעס, וועט געווינען אַ פולקומע און פאַרייניקטע פאָרם. דער אייגענער וויטאַליטעט־כוח, געבאָרן פון אַן אַקט, וואָס האָט עס באַשאָנקען מיט אַ פייאיקייט אַריבערצולעבן און ווידער אויפלעבן, וועט עס דערברענגען ביז אַ קאַפּאַסיטעט פון שטראַליקן דורכזיכט, געפּאַסט צו דעם באַגריף, און, אַזוינאָך, באַשאַפן אַ געהעריקע פאָרם. פאַראַן גרונט צו גלויבן, אַז דער אַוטאָר פון שאַפערישן דראַנג קאָן אַזוי פורעמען זיין אַנטדעקונג, אַז זי זאָל ווערן באַרייכערט מיט אַ ריטם, וואָס איז אייגנאַרטיק פאַר זיין אַנטפּלעקנדיקן כאַראַקטער, ניט נאָר אייגנאַרטיק פאַר דעם שאַפער אַליין. פּונקט ווי די ראַם ווערט אַן אינטעגראַלער טייל פון אַ לאַנדשאַפט דורך דעם וואָס זי איז דאָס וואָס דירעקטירט דאָס אויג (ניט נאָר דאָס פיזישע אויג, נאָר דאָס מענטאַלע), זייענדיק אַן אינסטרומענט, וואָס איז בכוח צו צאַמען און צו פאַרפולקאָמען די גאַנצקייט; פּונקט אַזוי דאַרף דער קינסטלער דערזען, אַז באַציאונג, ריטם און קאָמפּאָזיציע זיינען ניט אַ בלויזע באַצירונג, נאָר אַן ערנסטער פאַקטאָר אין דער אייניקייט. דער קינסטלער קלייבט אויס אַ מאָמענט פון דעם טראַדיציאָנעלן קוואַל און זוכט דעם מאָמענט צו פאַרפולקאָמען, אָדער אים צו באַשענקען מיט אַן אויסגעברייטערט לעבן.

פּונקט ווי עס געפינען זיך מאָמענטן פון לעבן, אָפּגעזונדערט דורך לאַנגע אינטערוואַלן פון צייט, דאָך געהאָפטן צוזאַמען צוליב אַן אינערלעכן אינהאַלט, אַ דויערהאַפטיקן פאָדים, וואָס אַנטפּלעקט אַ געוויסע איינציקאַרטיקע סענסאַציע, אייגנאַרטיק פאַר יעדן מאָמענט

און געמיינשאַפטלעך פאַר אַלע, אַזוי אויך טראָגט מיט זיך די טראַדיציע דעם צוזאַמענשטעל פון אַ סעריע געקייטלטע דערשיינונגען. זי ליגט אין דעם מאָדנעם אוצר פון איינצעלנע אינצידענטן, וואָס האָבן דאָך אַ געמיינשאַפטלעכע איגנשאַפט אין אַן אַלגעמיינעם גרונט פאַרן פאַרשטאַנד. און פון דעם, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ כאַאָס, דרינגט אַרויס אַן איינהייט מיט גראַציע, מיט דאַנקבאַרקייט, אפילו ווען דורך מאַטערנדיקע קאַנאַלן) און מיט אַ סענסיבילקייט וואָס איז וועג־וויזעריש, אפילו ווען מאָמענטנווייז פאַרווירנדיק. מען קלייבט אויס אַ רינג פון דער קייט, אָדער אַפילו אַ האַלבן רינג, ניט פאַרגעסנדיק דערביי פון וואַנען ס'איז געבאָרגט, און דערמאָנענדיק זיך שטענדיק, אַז ס'איז געוואָרן אַן איינגן־פליכט צו רעכטפאַרטיקן דעם געשאַפענעם בלויז; צוליב דעם דאַרף מען טאַקע אָנווענדן די כוחות פון זיכרון, כדי דורכצופירן אַ רעכטפאַרטיקונג. אַנדערש קאָן דאָס געשאַפענע ווערק ניט זיין פיקסירט.

טראַדיציע, אין אַ געוויסן זין, שטעלט מיט זיך פאָר דעם אַלטער עגאָ; ווייט, אומגעהייער הויך, אַ האַנט, וואָס איז מילד, גלאַט און וועג־וויזנדיק (דאָך צומאָל אימפּעטיק), און אַלעמאָל און אייביק רעפלעקטיוו. דער מוסטער איז דאָ אַ רעגימענטירטער, אַ שליסל צו דער פאַרגאַנגענהייט: כאַאָטיש, פאַנטאַסטיש, און נאָך אַלעמען, אַראַנזשירט אין אַ סעקווענטפולן מוסטער פון וואונדערלעכע ליניעס, וואָס זיינען אָנגעקומען און אָפּגעטראָטן, ווידער געקומען און ווידער אַוועק מיט אַ פאַרבאָרגענעם חוש פאַר סימעטריע און פאַר עטיק, — ווייל דער ענדציל איז דאָס האַרמאָנישע און דאָס גערעכטע. די וועבשטול אַליין האָט געהאָפטן אַ פּערפעקטע קאָמפּאָזיציע, אַנטפּלעקנדיק אַ באַלאַנס פון קאָלירן, פון ליכט און שאָטן און פון מאָסן. דער קינסטלער באַטראַכט די וועבשטול מיט אינטענסיווער נאָכפראַגע: אַ דערשיינונג וואָס באַערט אים צו געבן אַן אַדעקוואַטע וויזיע, צופרידנצושטעלן אי דאָס האַרץ, אי דעם קאָפּ. אַן עמאָציאָנעלער אינהאַלט (פול מיט שמייכלעריי), אפשר אויך אַן עטישער אויפרוף, און איבערהויפּט אַ דערשיינונג פּאַסיק צו ווערן געשמאָלצן אין אַ באַליבטער און אין אַ פאַרפולטער פאָרם.

עס מוז קומען די צייט ווען מען מוז בייטן די „טאָגאַ ווירילים" אויף אַ טאָגע פּאַסיק פאַר אַן אַנדערן, פאַר אַ מער דעטערמינירטן, מאַטורן שטאַנד אין לעבן. אין אַזעלכע מאָמענטן ציט מען צונויף דעם סך־הכל גאָר אויף דאָס ניי; און בלויז דאַן, איידער די פּרעציזע און שטאַרהאַפטיקע ווידערפּאַסונג קומט פאָר, שיינט



די טראַדיציע צו זיין אַן אומוויכטיק, אַן אומאָנשטענדיק, אַן אָפּגעוואָרפן וועזן. אָבער זי באַשטעטיקט זיך אַזוי שנעל ווי מען איז גרייט מיט אַן אָפן געוויסן צו מאַכן דעם חשבון און צו זען, אַז ער שטימט: עסטעטיש אַן אויג פאַר אַן אויג. אַנטלויפנדיק פון דער היים פאַרגעדענקען זיך זייער גוט דער שיידוועג, די וועגצייכנס, דער מהלך און די צייט; און זאָל מען פּלוצים אַנטדעקן, אַז עס געדויערט צו לאַנג און אַז עס וועט זיין צו דערמידנדיק זיך צו פאַרפעסטיקן זייער ווייט פון דער היים (אַ דיסטאַנץ פון צייט און רוים גרויס גענוג צו פאַרזיכערן אַבסאָלוטע פאַרבאָרגנקייט), שיינט גלייך דער וועג צוריק אַהיים צו זיין וואָס קירצער און וואָס זיסער, און יעדער וועגצייכן ווערט טייער און פול מיט צוזאָג. מען קאָן ניט פאַרלאָזן די אייגענע טראַדיציע, פּונקט ווי מען קאָן ניט איבערקערן די אייגענע נשמה אויף דער לינקער זייט, פּונקט ווי מען קאָן ניט אַנטלויפן מיט זיך אַליין, צי פון זיך אַליין. יעדער קערן האָט זיין בייטראָג און איז באַדייטנדיק אַ טייל פון אַ גאַנצן בייטראָג.

אָריענטירונג איז די פאָרפאָדערונג פון פאָרם. אַן אומאָרגאַניזירטער קינסטלער מעג זיין אומגעהייער אינטערעסאַנט אין זיין מאַטעריאַל, אָבער מען ווערט אומגעדולדיק מיט זיין אומציכטיקייט און מיט זיינע פאַרלוסטן צוליב פאַרלעצונג. זיין שאַפונג איז געוואָרן דאָס אומוויזע, ווייל עס שילדערט ניט קיין וועגווייזנדיקע האַנט און ווייל זיין שאַפערישקייט פעלט דורכזיכט. אַ וועזן אויסער האַרמאָניע און אָן פאַרשטאַנד און אָפּשאַץ פאַר זיין הינטערגרונט, אומוויסנדיק וועגן אָדער אָן באַציאונג צו זיין טראַדיציע, מוז נויטווענדיקערהייט זיין אַן אומאָריענטירטער אינדיווויד. אומאָרגאַניזירט און אומבאַלאַנסירט שטייט ער, ווי איינער וואָס באַקוקט נאָר דאָס, וואָס די אומגעבונג האָט צופעליקערהייט אים פאָרגעבראַכט, ניט אַרויסרופנדיק צום אויספרואוו דעם פאַרדעם און דעם נאָכדעם. ער איז אַן אַנטוואָרצלטע פלאַנץ, וואָס קען ניט גרינג ווערן צוריק איינגעפלאַנצט.

אין גרעסטן טייל זיינען מערסטע „אמתן" וועגן טרוימען אָננעמבאַר אין באַצוג צו דער פּראָבלעם, וואָס הייסט טראַדיציע. טרוימען פאַרמאָגן אַן אינערלעכן זין און אַ דרויסנדיקן כאַאָס; אַזוי איז עס אויך מיט טראַדיציע. אינווייניק איז זי לאַבירינטמעסיק קאָמפּליצירט, דאָך רעגולירט; דרויסנדיק איז זי ניט רעגימענטירט. סיי חלומות, סיי טראַדיציע, שילדערן אונדזערע נאָך־ניט־דערטראַכטע אַבסטראַקציעס, צוגעבנדיק צו זיי אַ געפיל פון שולד אָדער פון רעכטפאַרטיקונג. זיי מעגן אַפילו אויסקרימען אונדזערע אַבסטראַקציעס,

פאַרבייטנדיק, זיי ניט אינגאַנצן, נאָר שטיקלעכווייז, מיט אַ חוש פאַר הומאָר, אָדער דאָ און דאָרט מיט דעם צוגאָב פון אַ פאַנטאַסטישן חן. טראַדיציעס פּולסירן ווי אַן אָנזאָגער פון אונדזער עמאָטירונג; טרוימען טוען דאָס ענלעכע, נאָר אויף אַן אינדיווידועלן, אינטימען אופן. טראַדיציע איז אָבער ווייניקער סוביעקטיוו, ווייל מיר קאָנען זיך פאָרשטעלן ווי זי געהערט צו אַזויפיל מער ברידער ווי בלויז צום איינעם עגאָ. וואָס דער חלום איז אינדיווידועל איז טראַדיציע אוניווערסאַל: אַ רייכע, הויך־אימאַגינאַטיווע און נאָך ניט דורכגעדרונגענע וויסטע.

דער קינסטלער ווייס ניט נאָר וועגן דידאָזיקע אָנזאָגן פון אונדזערע עמאָציעס, ער דערוואַרט זיי און פירט זיי אַרויס ווי פאַרבאָרגענע וועגן, וואָס ליגן וואו פאַראייניזאַמט, קיינמאָל, אָדער זעלטן, צו ווערן פאַרטריבן אָדער באַפרייט. ער זוכט דעריבער אין צוויי שאַצקאַמערן, און ביידע זיינען פאַזן פון אונדזער אינערלעכן איך: אויסגעקרימטע וויזיעס (טרוימען פון דער נאַכט, אָדער בייטאָגיקע חלומות) און טראַדיציע (אמתן וועגן אונדזער פאַרגאַנגענהייט און וועגן אונדזער שטאַם). זיי אַנטבלויזן דעם איך צו דעם איך, אַנטוואָפן אים און באַוואָפן אים ווידער, מיט אַ געפיל פון פאַרזיכערונג און צוטרוי, געבאָרן פון אינטימקייט; דעריבער זיינען זיי בכוח צו אַנטבלויזן דעם נאַקעטן אמת, ניט פּאָלירט און ניט קולטיווירט; און וואָס גרעסער די אינטימקייט, אַלץ גרעסער די פאַרטיפונג און די אַנטפּלעקונג. טרוימען דעקן אויף די אומראַפינירטסטע, אומפילטרירטסטע און די אומבאַפּוצטע פאַרבינדונגען — אַזוי נאָך זיינען זיי אַן איבערפולער קוואַל פון וועלכן מען קאָן שעפּן די זעלטנסטע אָפּזאַצן. זיי נערן זיך אויף דעמדאָזיקן רויען און אומקולטיווירטן, אויף דעם ניט־געקינצלטן שטאַנד, דערוואַרטנדיק די נאָכקלערונג פון אַ קריטישער און אינטעלעקטועל־נייגעריקער נאַטור, וואָס זאָל אויסגראָבן אמתן און עטאַבלירן ווערטן. אַזוי אויך איז מיט טראַדיציע. אַליין אפשר ניט שאַפעריש — אָבער דרייסט און אַנטפּלעקנדיק. אין יעדן איינעם פון אונדז ליגט אין שלומער אַ קאָדעקס פון דערשיינונגען, וואָס האָבן אונדז דערבראַכט צו זיין וואָס און וואו מיר זיינען, ווי צופעליק די דערשיינונגען האָבן ניט געשיינט צו זיין. טראַדיציע אין דעם אָביעקטיוון רייך איז דאָס וואָס טרוימען זיינען סוביעקטיוו: כאַאָטישע קאָדעקסן.

פאָרם אין קונסט שטעלט אַרויס אַן אילוסטרירטע און אָריענטירטע פּראָבלעם. פאָרם איז דאָס וואָס וועגט און מעסט דאָס געגעבענע. גרויסע קינסטלער פון דעם סאָרט ווי וואַן גאָה און דאָסטאָיעווסקי



האָבן געבראַכט אינדיווידועלע און אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן, אָבער זייערע ווערק זיינען ניט געווען געהאָפטן אין דערהויבענע מוסטערן; זיי האָבן אַרויסגעשטעלט אומדערלייזטע פּראָבלעמען, און כאָטש דער אינהאַלט וואָס ווערט פון זיי געשילדערט איז אינטעלעקטועל און עמאָציאָנעל אויפרעגנדיק, איז עס ניט סטאַטיש גענוג צו זיין אַ שליסל. אַזעלכע קינסטלער פעלט דאָס פולקאָמע אַדאָפּטירן זיך צו זיך אַליין, צו דער נאָענטער אומגעבונג און צו דער פאַרגאַנגענהייט. טיילווייז איז אמת, אַז יעדן קינסטלער פעלט דידאָזיקע אַדאָפּטירונג, אָבער וואָס אים פעלט איז בלויז דער אויבערפלעכלעכער און ווערטלאָזער קאָנטאַקט מיט דער סביבה אַרום; דער בעסערער קינסטלער פאַרשטייט אויף אַ ווייזן אופן דעם אינערלעכן מיין פון דעם וואָס רינגלט אים אַרום. די פולקאָמע און פאַריינוקטע אָריענטירונג, וואָס קומט פאָר ביי אַ טראַדיציאָנעלן קינסטלער, איז דאָס וואָס דערלויבט אים צו ווערן אַ דערלערנער פון זיין קונסט, איינער וואָס אַנאַליזירט זיינע מעגלעכקייטן און זיינע פּאָטענציעלע אויסדרוקן. די וואָס „געהערן" ניט האָבן זיך ניט איבערגעגעבן צו דעמדאָזיקן העכערן וואַוילטיק פון אַ פולקאָמען, פיקסירטן און קולטיווירטן איך, — אומפאַרלאָרן, שטאָלץ און ווירדיק. און די פולקאָמענקייט איז דאָס וואָס גיט דעם שאַפערישן מוח די קריטישע פיאיקייטן, וואָס זיינען אַ צוגאָב צו דער דויערהאַפטיקייט פון זיין פאַך. דער קינסטלער ווערט אַזוינאָך „אַוועקגעשטעלט"; זיין אַרבעט איז ניט צופעליק, מיינענדיק אַז סיי ער, סיי דער קאָנסומירער זיינען צוגעגרייט געוואָרן פאַר דעם אָנקום; זיין באַמיאונג איז גוט־געמוסטערט און אַוועקגעשטעלט אויף אַ פאַרלעסלעכן פונדאַמענט. און דער בעסטער קוואַל פאַר קריטישער פאַרשטייעניש איז די אייגענע פאַרגאַנגענהייט. טראַדיציע איז דער כוח וואָס שטעלט מיט זיך פאָר קלימאַקסן, געהעריקע שטודיעס וועגן קלימאַקסן און זייער ריכטיקן סדר.

מען דאַרף אָבער ניט אָנהאַלטן זיך אָן דער אייגענער טראַדיציע אין דעם זין פון דופּליצירן די טעמעס אָדער די באַציאונגען; עס איז גענוגנדיק צו סימבאָליזירן איר עצמדיקע כאַראַקטעריסטיק. צו ווערן פון איר באַווירקט און צו קאָנען אינדיווידואַליזירן איר לאַנדשאַפט איז דעם אַוטאָרס געניאַליטעט. טראַדיציע איז אַ שפּרונג־ברעט; אַן אָנהייבפּונקט; יענער מאָדוס פון דערזען, וואָס איז גלייכצייטיק פּערזענלעך און אָביעקטיוו. יעדער אינדיוויד איז און איז ניט אַ טייל פון זיין טראַדיציע — ווי אים פאַרווילט זיך מאָמענטאַל. אָבער צי מען איז געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פון דעם גאַנצן, צי ניט, דאַרף

מען באַגרייפן זיין געוויכט; ווייל אפילו דאָס אויסמיידן און ניט אַכטן מיינט צו זיין באַוואוסטזיניק פון דערזעלבער עקזיסטענץ. דאָס, אייגנטלעך, איז דער וועג צום ערגעץ.

דאָס רייכטום, די טראַדיציע, ליגט אין דער פייאיקייט צו דערלויבן אַן עמאָציאָנאַליזם, וואָס איז עקזאַלטירט און פאָרגעשטעלט, בשעת, צו דערזעלבער צייט איז עס אַ רעזולטאַט פון איבונג, פון פּראָצעס־טראַכטן און סדרהאַפטיקע געדאַנקען. בשעת זי נוצט אויס אַן אינטעלעקטואַליזם וואָס איז קלאָרזיכטיק, און נאָכמער, באַוויליקט, נעמט זי ניט אָן אַן אומגעוואונטשענע אונטערדריקונג אָדער אַן איבער־איבערטריבענער טרוקנקייט. זי ברענגט ניט צו פּאַזע; זי רופט אַרויס אויפריכטיקייט פון אַ טיפערן מין.

איינע פון די גרעסטע פאַרגעניגנס פון אויסדרוק, (און דעריבער פון קונסט אין אַלע אירע צווייגן) איז דאָס אַנטבלויזן. ווען מען דרינגט אַריין אין דער אייגענער טראַדיציע, ווערט די מעגלעכקייט פון אַנטבלויזן און אַרויסווייזן נאָכמער פאַרגרעסערט, ווייל דאָ דעקט מען אויף ניט נאָר די איינדרוקן, די טענדענץ און די קריטיק פון אַן איינצלנעם, נאָר פון אַן איינהייט וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ צוזאַמענגוס פון אַ סך מענטשן און פון פאַרשידענע סיטואַציעס. דידאָזיקע איינהייט אין די דרויסנדיקע מאַניפעסטאַציע פון אַן אומויפהעריקן פלוס פון רעאַגירונגען, וואָס האָבן געלאָזן זייער שטעמפּל דורך אַלע פּאַסירונגען און זיינען רעקאָרדירט געוואָרן אונטער אַזעלכע אומשטענדן, אונטער־האַלטן געוואָרן און געלאָזן געוואָרן אומגעענדערט. דאָ האָבן מיר אמתן אַרויסגעשטעלט פאַר אונדז אויף אַן אומגעהאַמפּערטן אופן, אומויפהעריק רעפלעקטירט, ווידער פּאַסירנדיק, אייביק רעאַגירנדיק, ביז זיי זיינען געוואָרן דער פּערפעקטער שליסל פאַר אונדזער אייגנזיין.

טראַדיציע איז ניט מער ווי די ניט געשריבענע דערפאַרונגען און עקספּערימענטן פון יענעם מין, וואָס זיינען צוזאַמענגעבראַכט געוואָרן אין אַ פאַראייניקטן אופן, צוליב אַן אַלגעמיינער באַציאונג און אַ געמיינשאַפטלעכער פאַרערונג פון איבערטריבענע אמתן. זי שטעלט פאָר אַ דרויסנדיקע האַרמאָניע, וואָס איז אינערלעך אומגעהייער פאַרשידן און וועמעס פרוכטבאַרקייט גיט אונדז יעדע מעגלעכקייט פאַר דער אויסאיבונג פון דער פאַנטאַזיע. געבראַכט דורך דעם פריזמאַטישן לענז פון דעם אינדיווידו, דערגרייכט זי געוויסע קאָלאָריטן, וואָס ווערן נאָכמער ווירקלעך און נאָכמער וויטאַל; אַזוי ווערן די שאַטירונגען אויך אינטענסיפיצירט.

ווען די באַווירקונגען פון דער טראַדיציע זיינען באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ נייעם לבוש, און נאָכדעם ווי זיי זיינען געוואָרן דער גרעסערער טייל פון נייע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן געגעבן פון דעם קינסטלער, באַלעסטיקט זיי דער אינדיווידו מיט דער וואָג פון ווערטפולע מאָמענטן גענומען דווקא פון דעם אוצר, וואָס הייסט טראַדיציע. די האַרמאָניע פון טראַדיציאָנעלער איינהייט קאָן אפילו זיין אַן אָנגענומענער אַקט. אָן דער געקינצלטקייט פון קולטור איז זי קוואַליפיצירט צו זיין קאָנסעקווענטפול און אויסגעהאַלטן. זי איז אין תוך גענומען קאָנצעפּטירט פון דעם מוח פון דעם, וואָס קאָן דערזען די אינטענסיווקייט און אינטעגראַלקייט פון זאַכן, און וועמען מיר רופן דער שאַפערישער קינסטלער.

מען ווערט געבאָרן אין אַ געוויסן שטאַנד. מען איבערזעצט דעם שטאַנדפּונקט ווי מען טוט מיט דער סביבה. געניאַליטעט האַלט אין איין פונאַנדערפאַלדן און פונאַנדערפענען די קנייטשן, — צו ווערן אויף דאָס ניי פריש, צו ווערן דערזען און געחתמעט. דער שטאַנד ווערט דרויסנדיק, בלויז ווען באַשפּראָכן; נאָר נאָכדעם ווי אַן אויסדרוק איז אים געגעבן געוואָרן און האָט אים דערנערט, ווערט ער ווידעראַמאָל אינטים, פאַרבאָרגן און טיף; צוריק אין דעם מולטער.

טראַדיציע איז סיי אַן אומפאַרזענלעכער פּראָצעס, סיי אַ טיף־אינטימע דערשיינונג. דעריבער ווערט זי סוף־כל־סוף קולמינירט אין אַזאַ קונסט־ווערק, וואָס איז דויערהאַפטיק, — אין אַ פּערפעקטן אויסדרוק פון אַן אינטענסיוו־סוביעקטיווער דערפאַרונג, — אויסגעקריצט, לויכטנדיק, פולקאָם און האַרמאָניש.

דער קינסטלער באַזיצט די פייאיקייט צו פאַרייגענען יעדע זאַך וואָס קומט אים אַנטקעגן, אָדער וואָס ער באַוויליקט זאָל אים אַנטקעגנקומען. טראַדיציע באַזיצט ענלעכע פייאיקייטן און איז אַזוינאָך ענג פאַרוואַנדט מיט קונסט. טראַדיציע איז באַשאָנקען מיט אַזאַ מין קראַפט פון „דערזען", וואָס מוז רעזולטירן אין אייגנאַרטיק־אינדיווידועלע באַגריפן. מיט וואָס ער זאָל ניט קומען אין באַריר, ווערט דאָס ביי דעם קינסטלער פאַרנאָטירט אַלס אַ טייל פון דער געגעבענער טראַדיציע, אַלס אַ פראַגמענט פון זיך אַליין, אַזאַ איינס וואָס טראַדיציע האָט מיט צוואַנג אָריענטירט און געמאַכט פולקאָם. אַ מאָמענט פון דעם קינסטלערס „אייגנקייט" מאַניפעסטירט, אַזוינאָך, דעם קינסטלערס איינונייניציקע ווירקלעכקייט. דאָס געזעץ און דער סדר וואָס מיר שרייבן־צו בטבע צו דערשיינונגען ווערן פאַרורזאַכט פון אונדז צוליב יענע דערשיינונג וואָס מיר אַליין זיינען; מיר זעען אַלץ, אַריינרעכענענדיק זיך אַליין, ווי אינטעגראַלע פאַקטאָרן פון

אונדזער טראַדיציע. ווייל טראַדיציע איז דאָך סדרהאפט און גאַנץ; זי איז אָרדענונג. מיר טראַכטן אין טערמינען פון אוניווערסאַלע באַאָבאַכטונגען און אָננעמבאַרע באַגריפן, און דאָך ווערן מיר געפירט פון אַ טראַדיציאָנעלן מנהג, צי זיינע כוחות זיינען פון אונדז געוואָרן פאַרגרעסערט, צי מיר האָבן אינטענסיפיצירט דעם האָריזאָנט. אָט דאָס איז דאָס געזעץ, וואָס איז קיינמאָל אויף אונדז ניט אַרויפגעצוואונגען געוואָרן ווירקלעך אָדער פּאַקטיש, און וועמעס יאָך מיר דערפילן טיף, אַזוינאָך איבערלעבנדיק פרייד ווען מיר באַגרייפן דאָס אַלץ מיט דערשטוינונג. מיר דערפרייען זיך מיט דעם דערפאַר, וואָס דאָסדאָזיקע געזעץ איז אַ געמיינשאַפטלעכער בונד, וואָס פּאַרקניפּט אונדז מיט אונדזערע מיטמענטשן און ווייזט אַרויס אַזאַ איינזיקייט וואָס איז דער סוד פון דער מענטשהייט. און דאָך אַנטפּלעקט דאָס אַ פאַרשידנאַרטיקייט צוזאַמענגעשטעלט פון אַן איינס, וואָס באַזיצט אַ סך פאַזן, אַ סך אינטערעסאַנטע ווינקלען און באַדייטנדיקע שיכטן.

מיר שאַצן דאָס וואָס האָט אַ שייכות מיט דער טראַדיציע, אָדער דאָס וואָס מיר פאַרנאָטירן אַלס דאָס אַבסלוטע; אַזאַ דערשיינונג איז פאַר אונדז אַ באַשטענדיקייט בלויז דערפאַר, וואָס זי איז דערגרייכט געוואָרן צוליב אַן אַלגעמיינער דערפאַרונג, וואָס מוז אויך נויטווענדיקערהייט זיך איבערחזרן. דער געמיינשאַפטלעכער אָפּשאַץ גיט צו צו אַזאַ סאָרט דערשיינונג אַ דעפיניטיוון מאָדוס, וואָס געהערט צו אַ שאַפערישער אָדער קינסטלערישער שיכט פון דער ציוויליזאַציע.

צוליב דער אומגעהייערער ברייטקייט און צוליב דער פאַרשידנפאַכיקער נאַטור פון טראַדיציע, ווערט זי די ערנסטע פליכט פון דעם וואָס איז באַשאָנקען מיט ווילן און כוח צו שאַפן, אויסצולייטערן דאָס באַדייטנדיקע און פילטרירן דאָס אינטענסיוו־באַלויכטנדיקע, צי ער דערזעט די אייגנשאַפטן אין דעם לאָקאַלן קאָלאָריט פון זיין סביבה (וואָס איז זיין נאָענטע טראַדיציע), אָדער אין דעם רעגיאָנעלן הינטערגרונט וואו ער געפינט זיך. אין דער ווייטקייט און אין דער פאַרגאַנגענהייט פון אונדזער טראַדיציאָנעלן צוזאַמענשטעל איז שוין דאָ אַ שטיץ־פונקט פאַר אַן אייגן־אַרויפגעצוואונגענעם פּראָצעס, וואָס ווערט פון אונדז אָנגערופן אַנאַליז. דער שאַפערישער מענטש פילטרירט און באַפּוצט דערשיינונגען לויט דעם, וואָס איז שוין פאַר אים געווען אָנגעוויזן.

האָבנדיק באַגריפן ווי טיף ער איז איינגעוואָרצלט סיי אין דער טעמע, סיי אין דעם אופן פון דערזען די טעמע, ווייל דידאָזיקע זיינען בלויז מאַניפעסטירונגען פון דער טראַדיציע, און האָבנדיק מיט ווייזהייט



און מיט פולקאָמקייט זיך אַזוי אָריענטירט, נוצט דער קינסטלער אויס אַן איינצלנעם מעטאָד וואָס מיר זעען־איין צו זיין פילפּאַכיק. דערדאָזיקער מעטאָד איז דאָס סינטעטיזירן פון רעטראָספּעקציע, אינטראָספּעקציע און צירקומספּעקציע. אינטראָספּעקציע איז אייגנטלעך דער צענטער־כוח וואָס פירט דעם אַוטאָר ווען ער קוקט זיך אום אויף צוריק, און ווען ער באַאָבאַכט אַלץ וואָס אַרום. בשעת אינטראָספּעקציע איז אַ מער אינטימער און מער דורכגעטראַכטער מוסטער, זיינען רעטראָספּעקציע און צירקומספּעקציע מער ווי אַ דרויסנדיק געזיכט פון דעם כוח וואָס באַוויליקט צו אינדיווידואַליזירן און צו זיין אָריגינעל. זיי שטעלן פאָר דאָס ווייניקער אַבסטראַקטע און דאָס מער נאָענטע.

טראַדיציע איז ניט מער ווי די פאַרגאַנגענהייט באַשיינט פון אַ מאָמענט. דער מאָמענט האָט ווידער אויפגעלעבט אונדזער דערינערונג פון אַ גאַנצקייט, האָט זיך גענערט אויף דער אַבסטראַקציע, און האָט אַזוינאָך באַשאַפן אַן אינדיווידואַליזירטע דערשיינונג, וואָס איז אייגנטלעך אוניווערסאַל און רעגולירט פון געזעצן. דאָס וואָס האָט עס באַשיינט איז די לעבהאַפטיקייט פון דעם מאָמענט. אַ שאַפערישער זין האָט די טראַדיציע באַגליקט מיט אימפּעט, אַ כוח וואָס גלויבט אין דעם, אַז פון זיין באַטראַכטער איבערגעבונג און עובדא האָט ער געוואונען אַ תוכיקן אמת. האָבנדיק אַריינגעטויכט אין דער פּאַסירונג, גיט ער צו צו אַן אינערלעכער שיינקייט אַ פאַרדרויסנדיקטן סימבאָל; ער זעט עס צו פאַרשטיין ווי אַן עמבלעם. און מיט דעם אָנגעצויגענעם עמאָציאָנאַליזם פון איינעם, וואָס האָט אַנטדעקט אַ נייקייט, טרעט דער קינסטלער צו צו דעם נעפונענעם מיט אַ דראַנג אים אויסצודריקן.